# הודעה בנוגע די אַרבעטער פֿאַרגיטיקונג אַפּטייקן-בענעפֿיטס

זייט אַזוי גוט און לייענט די הודעה מיט קאָפּ. זי שטעלט איר וויכטיקע אינפֿאָרמאַציע וועגן באַקומען מעדיצינען אונטער אַן אַרבעטער פֿאַרגיטיקונג תּבֿיעה צו דעם שטאַט ניו יאָרק פֿאַרזיכערונג פֿאָנד (NYSIF).

NYSIF איז אָנגעקומען צו אַן אָפּמאַך מיט CVS Caremark, אַן אַפּטייק-בענעפֿיט-אַדמיניסטראַטאָר (PBM), וואָס האט אַ נעץ פֿון אַפּטייקן, אַז ער זאָל דערלאַנגען די מעדיצינען, וואָס אַרבעטער קענען באַקומען פֿאַר זייערע **אַרבעט-פֿאַרבונדענע** שאָדן אָדער קראַנקייטן. NYSIF איז אָנגעקומען צו אַן אָפּמאַך מיט CVS Caremark, אַן אַפּטייק-בענעפֿיט-אַדמיניסטראַטאָר (PBM), וואָס האט אַ נעץ פֿון אַפּטייקן, אַז ער זאָל דערלאַנגען די מעדיצינען, וואָס אַרבעטער קענען באַקומען פֿאַר זייערע אַרבעט-פֿאַרבונדענע שאָדן אָדער קראַנקייטן. <u>דאָס קען נישט ענדערן אײַער רעכט צו באַקומען די מעדיצינען, וואָס זײַנען נויטיק צו באַהאַנדלען אַזאַ מין קראַנקייט אָדער שאָדן. דאָס נאָר מיינט, אַז **איר מוזט** באַקומען דעם מעדיצין פֿון אַן אָנטיילנעמענדיקן אַפּטייק אין די CareComp אַפּטייק-נעץ, אַדמינאַסטרירט דורך CVS Caremark.</u> דער נעץ איז נישט באַגרענעצט צו CVS אַפּטייקן, אָבער כולל מער ווי 67,000 אָנטיילנעמענדיקע אַפּטייקן. מע קען באַקומען די רשימה פֿון די אַפּטייקן און זייערע אַדרעסן דורך:

- רופֿן די CVS Caremark קלינג-צענטראַלע אויף 1640-493 (866), אָדער אויף דעם נומער פֿאַר שווערהעריקע אויף 2161-200 (866)
- נוצנדיק דעם וועבזייטל **[https://nysif.wcrxportal.com/Pharmacy/Index](https://nysif.wcrxportal.com/Pharmacy/Index)**
- נוצנדיק דעם NYSIF וועבזייטל **[nysif.com/networkbenefits](https://nysif.com/networkbenefits)**

אויב איר באַקומט אײַער מעדיצין אַן אַרבעטער פֿאַרגיטיקונג תּבֿיעה, **מוזט איר** קריגן דעם מעדיצין פֿון איינער פֿון די דאָזיקע אַפּטייקן סײַדן:

- איר האָט אַ מעדיציניש נויטפֿאַל און עס איז ניט שכלדיק מעגלעך צו קויפֿן די מעדיצינען, וואָס איר דאַרפֿט פֿאַר דעם נויטפֿאַל פֿון אַ נעץ-אַפּטייק, אָדער
- עס איז נישט מעגלעך צו באַשטעלן דורך פּאָסט אָדער טעלעפֿאָן  אין דעם נעץ, קיין אַפּטייק אין דעם נעץ וועט אײַך נישט צושטעלן, און קיינער פֿון די אַפּטייקן איז אין סאַמע תּוך 15 מײַל אויב איר וווינט אין אַ דאָרפֿישן אָרט, אָדער פֿינף מײַל אויב איר וווינט ניט אין קיין דאָרפֿיש אָרט. אויב איר גלויבט אַז דאָס איז דער פֿאַל פֿאַר אײַך, זײַט אַזוי גוט און רופֿט איינעם פֿון די נומערן אויף דעם דנאָ פֿון דער זײַט.

ײַט אַזוי גוט, באַמערקט, אַז CVS Caremark האט פּאָסט-באַשטעלונג, און אויך אינטערנעץ- און טעלעפֿאָן-באַדינונגען. מען קען באַקומען אינסטרוקציעס דורך רופֿן די CVS Caremark קלינג-צענטראַלע אויף 1640-493 (866).

אַלע אַפּטייקן אין דעם נעץ זײַנען מחויבֿ צו האַלטן אַ קלעקנדיק אַסאָרטימענט פֿון מעדיצינען בײַ דער כּדי צו זײַן פֿעיק אײַך צו באַדינען אָן קיין איבעריקן אָפּלייג.

אַלע אַפּטייקן אין קראָמען מוזן זײַן אָפֿן פֿאַר געשעפֿט אין די שעהן, וואָס זײַנען געוויינטלעך אין אײַער קהילה.

אַפּטייקן אין דעם CareComp אַפּטייק-נעץ רעכענען NYSIF גלײַך. **איר דאַרפֿט ניט צאָלן פֿון-דער-קעשענע-קאָסטן פֿאַר די מעדיצינען.**

איר קענט באַקומען מער אינפֿאָרמאַציע וועגן דעם CareComp אַפּטייק-נעץ דורך רופֿן אַן בחינמדיקן 24-שעה טעלעפֿאָן-נומער: 1640-493 (866).

אויב איר האָט פֿראַגעס אָדער פּראָבלעמען, זײַט אַזוי גוט, רופֿט NYSIF אויף 5790-875 (888). איר קענט זיך אויך פֿאַרבינדן מיט דעם ניו יאָרק שטאַט וועד פֿון אַרבעטער פֿאַרגיטיקונג דורך [general_information@wcb.ny.gov](mailto:general_information@wcb.ny.gov) אָדער 4996-632 (877), אָדער מיט דעם אַדוואָקאַט פֿאַר פֿאַרווונדעטע אַרבעטער אויף 6665-580 (800). איר קענט אויך געפֿינען ווייטערע אינפֿאָרמאַציע דורך באַזוכן **[www.wcb.ny.gov](https://www.wcb.ny.gov)**.

## פּאָליסהאַלטער  - זײַט אַזוי גוט, הענגט אַרויס אויף אַ בולטן אופֿן